**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/25/2025 גאווערנער KATHY HOCHUL

**גאווארנער Hochul, פארט אטאריטעט און MTA דעקן אויף 160 מיליאן דאלאר פלאן פאר שנעלערע, מער אפטע, מער פארלעסליכע Q70 באס סערוויס צו לאגווארדיא עירפארט**

***פארט אטאריטעט באורד פון קאמישענערס זענען באשטימט צו באשטעטיגן פינאנצירונג די וואך צו פאראויסברענגען די פראיעקט פארגעשלאגן דורך אינדעפענדענט פאנעל פון טראנזיט עקספערטן***

***פראיעקט שטעלט צו נייע נאר-באס ליניעס צו אריבערגיין טרעפיק אנגעלייגטקייט אויף הייוועיס; נאך אפטקייטן צו רעדוצירן צושטופטקייט; און טרעפיק סיגנאלן וואס וועט פריאריטיזירן די Q70 באס צו רעדוצירן רייזע צייט***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול), די פארט אטאריטעט או ניו יארק און ניו דשערזי ( Port Authority of New York and New Jersey, PANYNJ ), און די מעטראפאליטאן טראנספארטאציע אטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האבן היינט אויפגעדעקט א 160 מיליאן דאלאר פארשלאג צו שאפן שנעלערע, מער אפטע און מער פארלעסליכע סערוויס אויף די Q70 לאגווארדיא לינק באס ליניע וואס פארבינדט די עירפארט מיט די סובוועי אין דשעקסאן הייטס און די לאנג איילענד רעיל ראוד (Long Island Rail Road, LIRR) און סובוועי אין וואודסייד.

"די טראנספארמאציע פון לאגווארדיא (LaGuardia) עירפארט אין א וועלט-קלאס דעסטינאציע וואס איז אנערקענט פאר איר אויסגעצייכנטקייט איז א שטארקע טייל פון אונזער שטארקע וויזיע פאר א נייע צייט אין ניו יארק, און דאס פאנגט זיך אן מיט שטארק נויטיגע פארבעסערונגען אין טראנספארטאציע צו און פון די עירפארט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די נייע פינאנצירונג וועט פאראויסברענגען עטליכע טראנספארטאציע פראיעקטן, צושטעלן נייע באס ליניעס, רעדוצירן אנגעלייגטקייט און צושטופטקייט, און איינפירן נייע טרעפיק לייטס צו פריאריטיזירן באסעס אין די עירפארט. איך בין שטאלץ צו פייערן די דערגרייכונגען און קוקן ארויס צו שאפן א וועלט-קלאס טראנזיט מעגליכקייט."

די פארט אטאריטעט באורד או קאמישענערס וועלן וועלן אויף די פאנדינג פארשלאג ביי זייער זיצונג אום מערץ 27. די היינטיגע מעלדונג קומט נאך חדשים פון צוזאמענארבעט צווישן די PANYNJ און די MTA, די ניו יארק סיטי דעפארטמענט או טראנספארטאציע און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט או טראנספארטאציע זיך פאראויסצורוקן מיט די Q70 פארבעסערונגען, וואס וועט אריינגעמען:

- טרעפיק סיגנאלן וואס וועלן פריאריטיזירן די Q70 באס אויף ראזעוועלט אווענוי און בראודוועי צו מינימיזירן רייזע צייט
- אן עקסקלוסיווע באס ליניע אויף די שאלדער פון די נארטבאונד ברוקלין-קווינס עקספרעסוועי צווישן נארטערן בולעווארד און אסטאריא בולעווארד, צו פארמערן סערוויס פארלעסליכקייט צווישן דשעקסאן הייטס און לאגווארדיא

- פארמערטע אפטקייטן דורכאויס הויפט צייטן (10 a.m. 4 p.m.) אנגעפאנגען יוני 1 צו אקאמאדירן פארמערטע רייזנדע
- א נייע, ספעציעל באשטימטע באס פיק-אפ און דראפ-אפ פלאץ נעבן טערמינאל C מיט דירעקטע, עקסקלוסיווע גאסן צוטריט צו פארמיידן אנגעלייגטקייט אויף די עירפארט גאסן
- טרעפן וועגן און לייט פארבעסערונגען אין דשעקסאן הייטס-ראזעוועלט אוועניו / 74 סטריט (7, E, F, M, R) און 61 סטריט-וואדסייד סטאנציעס (7, LIRR) צו פארבעסערן די קאסטומער ערפארונג
- פארבעסערטע ברענדינג און שילדן צו שטיצן די פארבעסערטע סערוויס

אויפן פארלאנג פון גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול), האט זיך א ברייטע רייע אנאליז פון טראנזיט מעגליכקייטן צו לאגוארדיא עירפארט אנגעפאנגען אין די שפעטע 2021 און איז אויסגעפירט געווארן דורך א פיל-דיסציפלינישע שטאב פון גוט-אנערקענטע אינדרויסנדיגע ענדשינירינג, קאנסטראקשן און טראנספארטאציע פירמעס. די דריי-מיטגלידער זעלבסטשטענדיג, דרויסנדיגע עקספערטן פאנעל פון וועלט-קלאסישע טראנספארטאציע פירער זענען אוועקגעשטעלט געווארן אויפן גאווארנער'ס פארלאנג צו איבערזען די שטודיע און צו מאכן רעקאמענדאציע באזירט אויף די אנאליז, און די פאנעל האט פארגעשלאגן באדייטנדע פארבעסערונגען צו באס סערוויס צו לאגוארדיא עירפארט.

די פאנעל באשטייט פון Mike Brown (מייק בראון), געוועזענע קאמישענער פון טראנספארט פאר לאנדאן און געוועזענע מענעדשינג דירעקטאר פון היטראו עירפארט; Janette Sadik-Khan (דשאנעט סאדיק-קאן), פרינציפל אין בלומבערג אסאסיאטס און געוועזענע קאמישענער פון די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע; און Phillip A. Washington (פיליפ א. וואשינגטאן), CEO פון דענווער אינטערנאציאנאלע עירפארט און געוועזענע CEO פון לאס ענדשעלעס מעטרא. די MTA ארבעט נאנט מיט די ענדשינירינג/קאנסטראקשן פירמעס און די עקספערט פאנעל דורכאויסדי שטודיע און יאז געווען ביי אלע פאנעל זיצונגען.

**פארט אטאריטעט עקזעקיוטיווע דירעקטאר Rick Cotton (ריק קאטאן) האט געזאגט,** "די פארשלאג וועט פינאנצירן די אנטוויקלונג פון די שנעלערע, מער פארלעסליכע מאסן טראנזיט פארבינדן די עקספערט פאנעל פאראויסגעזען וואס פאסאזשירן וואס פארן צו אונזער וועלט-קלאסישע לאגוארדיא עירפארט קומט זיך. די איינפירונג פון נאר-באס ליניעס אויף די עקספרעסוועי טיילן פון די ראוט וועלן שאפן א באס לינק וואס וועט זיין א שנעלע טריפ צו די עירפארט מיט דעם וואס די באס וועט קענען פארמיידן אנגעלייגטקייט."

**פארט אטאריטעט טשעירמאן Kevin O'Toole (קעווין א'טול) האט געזאגט,** "לענגאויס די ראיאן, מאכט די פארט אטאריטעט היסטארישע אינוועסטירונגען אין נייע עירפארט פאסיליטיס וואס וועט זיין צווישן די וועלט'ס בעסטע. אבער די בעסטע עירפארטס קומט זיך פונקט אזעלכע מאדערנע און עפעקטיווע פאבליק טראנספארטאציע פארבינדונגען, וואס איז פארוואס די פארט אטאריטעט אינוועסטירט אין שטארק פארבעסערטע באס פארבינדונגען צו לאגוארדיא עירפארט."

**MTA טשעיר און CEO Janno Lieber (דשאנא ליבער) האט געזאגט,** "עס איז נישטא קיין סיבה אז ערשט-קלאסישע ניו יארק רייזע ערפארונג זאל ווערן באגרעניצט צו די נייע לאגוארדיא עירפארט. די לאגישע, ראוד-געטעסטע באס פארבעסערונגען וועלן מאכן די רייזע צו און פון קווינס פיל לייכטער און שנעלער פאר צענדליגער טויזנטער פאסאזשירן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן